# פיניעלע מזיק
## גיט רשון



אקלאל ס'איז שוין נועך כאנע אכיט.
צ'ווייסט ווי כבין גיזועין אין די כאנע? אפ! פאלימער מאריק בין איעך גיזועין.
כאב ענק אפילים גיוואלט פאציילן וואעם איעך אב גיזעיען, כוואלט ענק אליז פאציילט, נאר כאב מוירע פארן קיבל.... און אז איעך על גיין אפן קיבל, טא וועיער עט ענק געיבן לושן?
כאב ענק נאך גיוואלט פאציילן וועיגן דעיר מי־נעסטיע, נאר דועם על איעך ענק פאציילן מערטשעם איפטעוואך.
דעוואל אציז מיער א גיטן שאבים און זאציז מיער גיזינט.

## אין א „געווישער מדינה“
### מעשה'לעך פאר דערוואקסענע

אין א „געווישער מדינה“, געהען צוויי מלוכה־בעאמטע אונטער דער שטאט, זעהען זיי א פירשט רייטען אויף א פערד. פרעגען זיי איהם:
— פארוואס רייט ניט איער עקסעלענץ אויף אנ'אייזעל?
— ווייל אלע אייזלען זענען איצט פערנומען בוים פיהרען דעם מלוכה־וואגען — האט דער פירשט געענטפערט.

* * *

אין דעם זעלבען רייך, איז דער פינאנץ־מיניס־טער פער'משפט געווארען אויף א חודש ארעסט פאר בעליידיגען די עפענטליכע מאראל.
ס'איז פעסטגעשטעלט געווארען, אז ער רייסט אראפ אויף אנ'אומפערשעמטען אופן פון דער בע־פעלקערונג דאס לעצטע העמד.

## לן:דזער אינטעליגענציע, פערגעבען

די פרוי פיטשע האבערפלאקען, וואס קרענקט אויף שמינטעליגענציע, נעהט מיט איהר סינאק ערב ווייהנאכטען אויף א וויזיט צו איהרע א קריסטליכע סאלעזשאנקע, פרעגט דער קליינער:
— מאמעניו, ביי גוים מאכט מען אויך כא־אינקעם?

## דער קומענדיגער מיליאנטשיק
### שמועס צווישער צוויי לאדזער בחורים

ערשטער: דו ווייסט העניעק, איך געה חתונה האבען מיט א זעהר א רייכע פאננע. זי וועט האבען אין איהר פערמעגען א מיליאן זל.
צווייטער: ע׳, טאקע?
ערשטער: יא, זי האט גענומען א פערטעלע צו דער פירטער קלאס.

# וואס הערט מען
## אין די לאדזער פאכען?

### ביי די שניידער

ביי די שניידער איז היינט א גרויסע אויפלעבונג צוליב דעם, וואס מען האלט אין שניידען — — פענסיעס.

פרנס גלאטמאן.

### ביי די פריזירערס

ביי די פריזיערס איז זעהר ביטער, דער עולם האט זיך פשוט אויפגעהערט צו שערען.
מען ערקלערט עס דערמיט, וואס ביי יעדען איי־נעם זענען די האר פון קאפ נישט זיין — טא, ווער וועט עס געהן שערען פרעמדע האר?

איגנאץ ראדאשיצקי

### ביי די זייגער-מאכער

די זייגער־מאכערס קלאגען זיך, אז דאס פאך געהט אונטער. נאך וואס דארפען מענשען זייגערס, אז דער מעכאניזם איז קאליע, אליז „שטעהט“ און מען לעבט אויף בלינד און קיינער קוקט היינט נישט, ווי שפעט עס איז.

איבריגענס „רעגולירען“ אנדערע די „צייט“ און אליז ווערט „אנגעדרעהט“ פון „אויבען“.

ראטמ. פיאלקא

### ביי אקטיארען

די אקטיארען קלאגען זיך, אז אידער מען פער־דינט א גראשען „שפילט“ מען מיטן לעבען. אין דער טעאטער־קאסע שפילט זיך אפ יעדער נאכט א גרוי־סער „סבאר“, אבער די טעלערס זענען ליידיג נישט־טא אין זיי קיין „פרעקווענץ“...
ווי קאן זיין גוט — זאגען די אקטיארען — ווען אין א סך לענדער האט מען איננאנצען אפגע־שאפט דעם „אנסאמבל“ (רעה פון פארלאמענט) און ס'הערשט דער „מאנאלאג“ (דיקטאטור)....

זשעני שמולעוויטש.

### די שווערסטע מלאכה

די שווערסטע מלאכה ביי יודען איז היינט — צו פעראייניגען אלע בעלי־מלאכות.

אדוו. יוסף ווייצמאן

# א נס איז איהם געשעהען
## וואס ער איז בעת דעם „אטאק“ געלעגען אין בעט

ביי א גלעזעל טיי זיצען עטליכע יודען און שמועסען, און וועגען וואס שמועסען היינט יודען? וועגען ענדרעקעס, אוניווערזיטעטען, סערטיפיקאטען ביז.... ביז מ'קומט קיין אביסיניען.
רעדענדיג וועגען מלחמות, דערצעהלט איינער:
...און ווען איך ליג מיר אזוי אין די אקאפעס, דערזעה איך פון וויטען א פאר־פאסטען פון שונא. איך פרעג נישט קיין קשיות, ציה אוים די ביקס... טראך.... טראך..... און איינער ליגט אויסגעצויגען ווי א גראף. איך גיב א קוק, די איבעריגע צילען צו מיר, ווידער אמאל דאס איינענע: טראך, טראך. און א צווייטער ליגט ווי ביים מאטען אין וויינגאר־טען. פלוצים זעה איך, ס'דערנעהנטערט זיך א רייט־טער, קלער איך נישט לאנג און איך ווארף א האנד־גראנאט, פיף־פאף און שטעלט איך פאר....
— יא, איך שטעל מיר פאר, אז אין דער מינוט, האט אייך איער ווייב איבערגעוועקט פון שלאף און דאס הארץ האט אויך געקלאפט ווי ביי א גזלן — האט איהם דער צווייטער איבערגעריסען.

## קורצער פרייטאג און שבת הגדול



קורצער פרייטאג: ס'איז אמת, וואס די צייטונ־גען שרייבען, אז דער גערער רבי איז לעגאליזירט געווארען און בלייבט שוין אויף שטענדיג אין ארץ־ישראל?
שבת הגדול: יא, חבר קורצער פרייטאג, ס'איז אמת. פון איצט אן ווערט דער רבי א תושב, אוים נער (גר).

בעניעלע זאלץ

## פייטעל און טרייטעל



פייטעל: זאג מיר טרייטעל, פארוואס האט מען זיך עפעס גראד איצט גענומען צו דער יודישער שחיטה?
טרייטעל: וואס פערשטעהסטו נישט? נאך „בדיקה“ נעהט שחיטה.

בעניעלע זאלץ

### צו ווייט פערקראכען

וועקסעלמאן און דרייערזאן געהען ביידע אויף דער פיעטריקאווער גאס, געהען אריין אויף דער פא־לודניאווא. דאן אויף דער פילסודסקיעגא, פאמאר־סקא און דאן אויף דער קילינסקיעגא. דא מעסט וועקסעלמאן. כ'האב אייך געדארפט געבען אין די פעטש.
— פאניע וועקסעלמאן! שרייט אויס, דרייער־זאן, — איהר זענט צו ווייט פערקראכען.
— איהר זענט גערעכט — האט געענטפערט וועקסעלמאן. כ'האב אייך געדארפט געבען אין די ציין אריין נאך אויף דער פעטריקאווער גאס.

---

# דער קונדס

הומאר ● סאטירע ●

צוזאמענגעשטעלט פון אב—נעק ●

ביילאגע צום „נייעם פאלקסבלאט“ נומער 301
פרייטאג, דעם 27 דעצעמבער 1935

לכבוד חנוכה

## דער נס מיט דעם „חנוכה-דריידעל“...



פאטער: חנוכה־דריידעל מיינס, דו דרייסט דיך אויף דאנסינגס, אויפן דעפטאק, דו דרייסט דיך אין זש. ט. ק. אין „וויזא“, ווען וועסטו דיר שוין אמאל אויסדריידלען אן שטיקעל חתן?...

